בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי-הַחֹדֶשׁ

293

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֵצָה אֱמוּנָה


מַיין מַאן פַאלְט פוּן זַיין אֱמוּנָה, זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ'ן?.....................................א
וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי וַוייבּ פַאר אַ חֲסִידוּת'טֶע?.....................................ג
וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין ווייבּ זָאל אַוֶועקְגֶעבְּן מֶער צַייט פַאר מִיר?.....................................ד
אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן אִין יְשִׁיבָה, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן?.....................................ה
וָואס טוּט מֶען מִיט חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין?.....................................ו
דַארְף מֶען מַאכְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?.....................................ח
וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְקַרֵב מַיין ווייבּ צוּ בְּרֶסְלֶב?.....................................ט
יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ אָן כַאפְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַלֶע דְרָשׁוֹת.....................................י
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרוֹיפְצוּקוּקְן מַיין מַאן?.....................................יב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַז אִיר וֶועט נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וֶועט אַייךְ זַיין גוּט אַ גַאנְץ לֶעבְּן.....................................א
לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִדּוֹת, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.....................................ב
וִוי מֶער תְּהִלִּים אַ פְּרוֹי זָאגְט, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן...ב
אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ פַּרְנָסָה.....................................ג
דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה.....................................ד
אַ תְּפִלָּה פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.....................................ד
יֶעדֶע קִינְד זָאל שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען גוּט.....................................ה
עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער.....................................ו
פַארְגִינְט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי תַּלְמִידוֹת.....................................ו
עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער.....................................ז

אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת..............ז
אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ ווִיפִיל מֶען גְרֵייט זִיךְ אוּן ווִיפִיל מֶען בֶּענְקְט צוּ דִי מִצְוָה..............ח
דוּ, דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט..............ט
נִישְׁטָא מֶער קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן..............י
גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט..............יא
אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה..............יב
אַזוֹיפִיל תְּמִימוּת וְיִרְאַת שָׁמַיִם..............יב
אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה..............יג
מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי גְרוֹיס אוּן וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין אַ מָרְדְכַי הַצַּדִיק..............יג
"דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה", עֶס שַׁיינְט אוּן לַייכְט אוֹיף אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער..............יד
דָאס וֶועט אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס..............יד
אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי קְהִילָה..............טו
שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט אוּן אַיינְגֶענֶעמְקֵייט פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה..............טו
אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע קְהִלוֹת..............טז
אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד..............טז
עֶס מַאכְט לִיכְטִיג אוּן שַׁיינְט בַּיי טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער..............טז
בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן מִיט מָרְדְכַי וְאֶסְתֵּר אַ גַאנְץ יָאר..............יז
בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף נִישְׁט פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ..............יח
מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְזָאגְן וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ זָאג פַאר יְחִידִים, אַז דָאס דַארְפְן אַלֶע טוּן..............יט
אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן וֶועט זִיךְ אַלֶעס בַּיי דִיר טוֹישְׁן צוּם גוּטְן..............כ
זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן..............כ


# הקונטרס לרפואת העניא בת ראכל בתשוח"י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מַיין מַאן פַאלְט פוּן זַיין אֱמוּנָה, זָאל אִיךְ זִיךְ גֶט'ן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק צוּ גָאר אַ חָשׁוּבְ'עֶר בָּחוּר, אַ תַּלְמִיד חָכָם פוּן דִי אוֹיסְגֶערוּפֶענֶע יְשִׁיבוֹת. עֶר קוּמְט פוּן גָאר אַ פַּארְמַאכְטֶע אָבֶּער פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ עִנְּבֵי הַגֶּפֶן בְּעִנְּבֵי הַגֶּפֶן, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר פֵיין מִיט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

פַאר בְּעֶרֶךְ צְוֵויי יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס וֶוערְט מַיין מַאן שְׁוַואכֶער אִין רוּחָנִיּוּת, עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְוַוארְפְן אַלֶע מִינֶע קַאלְטֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן אַוֶועקְגֶעמַאכְט הֵיילִיגֶע זַאכְן מִיט לֵיצָנוּת, עֶס הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּסְט וָואס צוּ טוּן. אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן מָאוּויס אִינְדֶערְהֵיים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אַ חַבֵר גֶעבְּט אִים עֶס, עֶס הָאט מִיר גָאר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ. מִיט עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אֵיין נַאכְט בַּאמֶערְקְט בַּיי אִים אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעשׁוֹידֶערְט, בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים אִיז אַזַא זַאךְ טָמֵא אִינְגַאנְצְן, אוּן דָא הָאט עֶס מַיין טַייעֶרֶער מַאן, עֶס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פִילְטֶער דֶערוֹיף. אוּן עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז עֶר הָאט עֶס שׁוֹין פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט.

זַייט דֶעמָאלְט נוּצְט עֶר עֶס שׁוֹין אָפֶענֶערְהֵייט, עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען דֶערוֹיף אִינְדֶערְהֵיים אִין פָארְנְט פוּן מַיין זוּן, עֶר קוּקְט אַלֶע סָארְט חֲקִירָה זַאכְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים צוּ קוּקְן אַלֶע כְּפִירָה קְלִיפְּס, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵויין מַמָּשׁ צוּם

באַשְׁעֶפֶער יֶעדֶע נאַכְט. עֶר הָאט אֲפִילוּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אָבֶער עֶר זָאגְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ צוּגֶעבִּינְדֶען דֶערְצוּ. אִיךְ וֵוייס מַמָּשׁ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט מְצַעֵר זַיין אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן.

בְּעֶצֶם אִיז אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת נִישְׁט צוּ שְׁלֶעכְט, אָבֶער אִיךְ פִּיל נִישְׁט אַז אִיךְ קֶען אַזוֹי אָנְגֵיין, וָואס וֶועט זַיין דִי עָתִיד פוּן מַיין שְׁטוּבּ? אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ גֶטְ'ן, עֶר זָאגְט אַז עֶר אִיז אַ מַאֲמִין, אָבֶער עֶר הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה, אַפָּאר טֶעג לֵייגְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט קַיין תְּפִילִין אוּן עֶר לָאזְט אוֹיס דַאוֶּוענֶ'ס, עֶר רֶעדְט כְּסֵדֶר קֶעגְן דִי רַבָּנִים אוּן עֶר רֶעדְט זֵייעֶר פְּרֶעמְדֶע נִישְׁט עֶרְלִיכֶע גֶעדַאנְקֶען. עֶר שְׁרַייבְּט זִיךְ מִיט אַסַאךְ פְרֶייעֶ מֶענְטְשְׁן אוּן אִיךְ פִּיל ווִי עֶר הָאט מֶער לִיבּ זַיין טֶעלֶעפָאן ווִי מִיךְ. אִיךְ הַאלְט עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע פְּרַאגֶע; פוּן אֵיין זַייט, ווִי קֶען מֶען גֵיין זָאגְן צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ, זִיךְ גֵיין גֶטְ׳ן - בִּפְרָט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער. עֶס קֶען זַיין אַז דָאס וָואס עֶר זָאגְט עֶר קוּקְט חֲקִירוֹת אִיז גָארְנִישְׁט קַיין חֲקִירוֹת, עֶס אִיז פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, ווִי קֶען מֶען בְּלַייבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט חֲקִירוֹת אוּן קוּקְט זַאכְן פוּן כְּפִירָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיר זָאלְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב, (נִישְׁט סְתַּם אֵיינֶער וָואס וֶועט גְלַייךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ פַארְן הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וְכוּ׳, וַוייל מֶען צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ אַז דֶער מַאן הָאט אַ טֶעלֶעפָאן); אַ רָב וָואס וֶועט אַייךְ קֶענֶען מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי וַוייבּ פַאר אַ חֲסִידוּת׳טֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא פוּן וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת בִּיז יֶעצְט, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ, שָׁלוֹם בַּיִת אוּן נָאךְ פִּילֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַז דִי וַוייבּ זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ חֲסִידוּת'טֶע?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ וֶועט זִי זֶען וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב, וֶועט זִי אוֹיךְ וֶוערְן אַ חֲסִידוּת׳טֶע. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): ״וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ״ - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין זָאגְן אַלֶע: ״אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, ווָאוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; ״אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, ווָאוּיל אִיז זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; ״אוֹי לָהֶם לַבְּרִיוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה״, וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה; אַלֶע טוּעֶן אִים לוֹיבְּן, מֶען זָאגְט, קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וויִבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): ״וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּמְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף אֵיין זַאךְ, ׳זַיין פְרֵיילִיךְ׳, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן זָאלְסְטוּ קֶעמְפְפְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְבִּיטֶערְט

און צוגעלייגט, נָאר זיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט שִׂמְחָה, און בְּרֶענְג אַרַיין אִין שְׁטוּב אַ פְּרֵיילִיכֶע לופְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט; דָאס וֶועט מַאכְן דַיין שְׁטוּב אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת ל:א): "אֵין שְׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ דְּבַר שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה", דִי שְׁכִינָה גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט וואו מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ זָאל אַוֶועקְגֶעבְּן מֶער צַייט פַאר מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ אִיז אַ מְנַהֶלֶת אִין אַ מֵיידל שוּלֶע, זִי אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער און זִי טוּט אַלֶעס וָואס זִי קֶען נָאר אַז עֶס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין אַלְץ דֶער צְוֵוייטֶער בַּיי אִיר נָאךְ דִי שוּלֶע, דָאס הֵייסְט אַז אִיךְ דַארְף אַלְץ אוֹיסְרֶעכֶענֶען אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אָדֶער קֶען בֶּעטְן צַייט פוּן מַיין וַוייבּ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר, כְּדֵי נִישְׁט אַוֶועקְצוּנֶעמֶען אִיר צַייט וָואס זִי דַארְף זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ. מִיר זֶענֶען שׁוֹין לַאנְג חֲתוּנָה גֶעהַאט און מִיר הָאבְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע קֶשֶׁר, אָבֶּער דִי פְּרַט מַאכְט מִיר אַסַאךְ אוּמְרוּאִיגְקֵייט. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן עֵצוֹת און הַדְרָכָה אִיבֶּער דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ וָואס אִיר לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; זַיי דוּ דֶער וָואס גֶעבְּט און דֶער וָואס אִיז מַשְׁפִּיעַ אִין שְׁטוּב, נִישְׁט דֶער מְקַבֵּל וָואס וַוארְט צוּ בַּאקוּמֶען פוּן דִי וַוייבּ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מוֹהַרַ"ש זָאגְט, פַּארְוָואס מִיר דַאנְקֶען יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה"; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט דֶעם נַאטוּר אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער מַשְׁפִּיעַ - דֶער וָואס גֶעבְּט, אוּן דִי פְּרוֹי אִיז דִי מְקַבֵּל - וָואס נֶעמְט, אַזוֹי פִירְט זִיךְ דִי וֶועלְט, אַזוֹי אִיז גֶעבּוֹיט אַ שְׁטוּב; אוֹיף דֶעם טוּעֶן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט דֶער מְקַבֵּל, מִיר זֶענֶען דִי וָואס גֶעבְּן.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זָאלְסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב, סֵיי דַיין וַוייבּ וֶועט בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אוֹיף דִיר, זִי וֶועט דִיךְ אָנְהוֹיבְּן מֶער שֶׁעצְן, סֵיי דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן סֵיי דוּ אַלֵיינְס וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ בֶּן חוֹרִין. תּוֹרָה נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין קַטְנוּת הַדַּעַת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה", וֶוער אִיז אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער? נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען, נָאר לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, בְּלִי הֲבָנָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין"; דוּרְךְ לִימוּד הַתּוֹרָה וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן, סֵיי דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ שֶׁעצְן אוּן סֵיי דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן אִין יְשִׁיבָה, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי נוּמֶער פוּן קוֹל בְּרֶסְלֶב פוּן אַ בָּחוּר פוּן אַייעֶר יְשִׁיבָה אוּן עֶס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

איך לערן אין אַ ליטווישע ישיבה וואו מען רעדט אַסאך איבער די גרויסקייט פון פאַרשטיין דאס לערנען; וויל איך וויסן וואס צו טון אין די זייטיגע ליידיגע צייטן, זאל איך אויך דעמאָלט פּרוּבירן צו לערנען און פאַרשטיין, אָדער דעמאָלט זאל איך ענדערש לערנען אויפ'ן סדר דרך הלימוד, אָן צו פאַרשטיין, כאָטש וואס איך קען באמת יא פאַרשטיין?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

לֶערְן דִי סְדָרִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה בְּעִיוּן, הַאלְט מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן, וֶוען אַלֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, לֶערְנֶען בְּקִיאוּת אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ אַ גְמָרָא וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, זָאלְסְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל.

קוּק דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו; וֶועסְטוּ זֶען אַ נֵייעֶם זִיכְן וֶועג פַאר דִיר וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּט מֶען מִיט חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי, מַיין זֶעקְס יֶערִיגֶע טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר אַן

אוּמְצוּפְרִידֶענֶע, וְוי אוֹיךְ פַארְגִינְט זִי נִישְׁט וֶוען אִיר שְׁוֶועסְטֶער אָדֶער שָׁכֵן וְכַדוֹמֶה בַּאקוּמְט עֶפֶּעס, וֶוען דָאס גֶעשֶׁעט פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג אוּן אִיר מַסְבִּיר זַיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס הָאבְּן וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט, אוּן דָאס גְלַייכְן.

זִי גֵייט צִי אַ טֶערֶעפִּיסְט אִין שׁוּלֶע, מַיין וַוייבּ הַאלְט אִיז זִי דַארְף עֶס הָאבְּן וֶועגְן אִירֶע שְׁוֶועְרֶע נַאטוּרְן, דִי טֶערֶעפִּיסְט הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף נָאר אַרוֹיסְוַוייזְן מִיטְלַייד צוּ אִיר, כְּדֵי אִיר צוּ וַוייזְן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיר.

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ וֶוער שְׁטְרֶענְג מִיט אִיר, אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעבְּט מִיר מַיין וַוייבּ אַ וואוּנְק אַז אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן, נָאר שָׁאקְלֶען מִיטְן קָאפּ אוּן אִיר גֶעבְּן גֶערֶעכְט פַאר אַלֶע אִירֶע טַעֲנוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען; אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי דָאס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִילְסְט ווִיסְן דֶער סוֹד צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער? תְּפִלָּה אִיז דֶער סוֹד פַאר גוּטֶע קִינְדֶער; אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי.

מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָפֵץ חַיִּים. אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זַיין מִיט אֵיין דֵעָה בְּנוֹגֵעַ

דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַּאר דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף זִיכֶער אוּן גֶעזוּנְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַיינְשְׁטִימִיג, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט.

דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן מַחְלִיט זַיין וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט דֶעם קִינְד, וִוי אַזוֹי צוּ בַּאהַאנְדְלֶען דִי שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן. אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ תּוֹרָה, אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט וִוי דִי טֶערֶעפִּיסְטְן לֶערְנֶען, דִי תּוֹרָה וֶועג אִיז יָא מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן וֶוען קִינְדֶער פַּארְפִירְן אוּן ווִילְדֶעוֶוען - דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אָבֶּער דָאס קֶענְסְטוּ טוּן אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר, אַז זִי פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ אַז דָאס אִיז דִי אֱמֶת׳עֶ וֶועג, זִי ווִיל פִירְן אַ שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער; דֶער טַאטֶע אִיז שְׁטְרֶענְג, עֶר אִיז מְחַנֵךְ, אוּן דִי מַאמֶע קוּמְט אַרַיין מִיט דִי גְלֶעט אוּן וֵוייכֶע וֶוערְטֶער וְכוּ׳. אָבֶּער אַז זִי ווִיל גֵיין מִיט דִי לִינְקֶע וֶועג פוּן גָארְנִישְׁט זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער, זֵיי לָאזְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן - דֶעמָאלְט וֶועט דָאס קִינְד זַיין דִי כַּפָּרָה הִינְדְל צְוִוישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ; דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין נַחַת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען מַאכְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער "לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס", אוֹיבּ דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף מַאכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לַייף אִינְשׁוּרֶענְס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס.

לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טָאג פוּן דִי וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, בִּיז דִי עֶנְדֶע וָואךְ זָאלְסְטוּ הָאבְּן גֶעלֶערְנְט שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר אֲרִיכוּת יָמִים. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): ״לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְקָרֵב מַיין וַוייבּ צוּ בְּרֶסְלֶב?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בִּין אִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן צוּ אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים, גֶעוָוארְן אַ בֶּעסֶערֶער אִיד בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. פַּאר מַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אַז אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ וִויל אָבֶּער זֵייעֶר אַז זִי זָאל אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס בַּאוַוייזְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִין דַיינֶע וֶוערְטֶער לִיגְט דַיין עֶנְטְפֶער; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז פַאר דַיין וַוייב שְׁטֶערְט 'שׁוֹין' נִישְׁט אַז דוּ נֶעמְסְט חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן. וְוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דָאס אִיר יָא גֶעשְׁטֶערְט, נָאר יֶעצְט וֶוען זִי זֶעט וְוי שֵׁיין דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוּן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר - זֶעט זִי אַז דָאס אַלֶעס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז לָשׁוֹן הָרָע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע, בִּיז עֶס שְׁטֶערְט אִיר שׁוֹין נִישְׁט.

אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט אִיר אַלֵיינְס. אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - וֶועט זִי דִיר הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "זָכָה" - אַז מֶען אִיז זוֹכֶה, דֶעמָאלְט - "עוֹזַרְתּוֹ", הֶעלְפְט דִי פְרוֹי אִיר מַאן, "לֹא זָכָה" - אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ "זָכָה עוֹזַרְתּוֹ", עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף בְּלַייבְּן מִיט דִי "לֹא זָכָה כְּנֶגְדוֹ"; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין, אִיךְ וִויל צוּקוּמֶען צוּ 'זָכָה עוֹזַרְתּוֹ' מַיין וַוייבּ זָאל מִיר הֶעלְפְן; אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי דִיךְ צוּ דִינֶען".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ אָן כַאפְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַלֶע דְרָשׁוֹת

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן הֶערְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי דְרָשׁוֹת פוּן חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה, סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּער שְׁלוֹם בַּיִת; וְוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מוֹדֶה צוּ זַיין אַז אִיךְ הָאבּ אִין אָנְהוֹיבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט נָאר זֵייעֶר פְּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן, גְרִינְגֶע זַאכְן, וָואס יֶעדֶער מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל

פַארְשְׁטֵייט עֶס אַלֵיינְס, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אִיבֶּער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע פְּשׁוּט'עֶ זַאכְן. יֶעצְט אָבֶּער, וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, טְרֶעף אִיךְ זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַסַאךְ מָאל אִין פִּילֶע מַצָּבִים וָואס דֶערְמַאנְט מִיר אִין דִי דְּרָשׁוֹת און אִין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שֵׂכֶל און הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס לִיגְט מַמָּשׁ אַרַיינְגֶעבַּאקְן אִין מַיינֶע בֵּיינֶער.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ קֶען נָאר זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר מַיין לֶעבְּן".

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת, שֵׂכֶל און חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וִוי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה? וִוי הָאט מֶען כֹּחַ אָנְצוּגֵיין? וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פַאלְט?

מֵילָא מִיט זִיךְ אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן אָן חִיזוּק, אָבֶּער מִיט אַ וַוייבּ? וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע? וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן און עֶנְטְפֶערְן וְכַדּוֹמֶה? וִוי טוּט מֶען זִיךְ אַהִין?!

מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מִיטְן רֶבִּינְ'ס חִיזוּק - אִיז זֵייעֶר גוּט; מֶען הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, מֶען הָאט שֵׂכֶל וֶוען צוּ עֶנְטְפֶערְן און וִוי אַזוֹי צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין און וֵוייךְ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת "שְׁלוֹם בַּיִת"; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עָצְם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף

זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרוֹיפְצוּקוּקְן מַיין מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים ווי דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן דִי וויכְטִיגְקֵייט פוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּם מַאן אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין, אָבֶער אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק אוֹיף דֶעם, אוּן אִיךְ הָאף דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

מַיין מַאן אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אוֹיף פַּרְנָסָה, אָבֶער עֶר אַרְבֶּעט אִין אַ פְּלַאץ וָואס אִיז אַלֶץ דָא דָארְט אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּדְ אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר פַארְעֶקְלְט פוּן אִים, עֶר טַעְנָה'ט אַז דִי אִיבְּרִיגֶע אַרְבֵּייטֶער דָארְט נֶעמֶען אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּיעֶר נָאךְ דִי אַרְבֶּעט, אוּן דֶערִיבֶּער

בְּלַייבְּט עֶר שְׁמֶעקְן אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, נָאר פְרַייטָאג נֶעמְט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל צוּזַאם לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן אוֹיךְ צוּמָאל וֶוען עֶר גֵייט צוּ אַ שִׂמְחָה. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען? אִיךְ וִויל אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אָבֶּער צוּמָאל מוּז אִיךְ מַמָּשׁ פַארְשְׁטָאפְּן דִי נָאז וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי נֶעבְּן אִים, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אִים, וִוי צֶעפְלוֹיגְן אוּן נִישְׁט מְסוּדָּר עֶר אִיז.

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מַיין מַאן אִיז אַלְץ פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן עֶנְקְזַייעֶטִי, אוּן אַבִּיסְל אוֹיךְ "אֵה-סִי-דִי", אוּן עֶס אִיז מִיר צוּ שְׁוֶוער צוּ הֶערְן זַיינֶע שְׁטֶענְדִיגֶע סְפֵיקוֹת אוּן דַאֲגוֹת, אוּן וִוי עֶר קֵייט אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלוֹת אוּן זַאכְן, אִיךְ וָואלְט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קֶענֶען אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן גֶעבְּן זַיין כָּבוֹד אוּן רֶעסְפֶּעקְט, אָבֶּער מַיין קָאפּ וֶוערְט מַמָּשׁ צֶעשְׁפָּאלְטְן פוּן אִים.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶר הֶעלְפְט מִיר אַבִּיסֶעלֶע אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַקְפִּיד אִים אַרוֹיסְצוּאַוויִיזְן הַכָּרַת הַטּוֹב אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט. אִיךְ זָאג אַסַאךְ תְּהִלִּים, פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, אוֹיךְ רֶעד אִיךְ אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיין שְׁפְּרַאךְ בִּשְׁעַת אִיךְ טוּ דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

מַיין מַאן פְלֶעגְט אַמָאל לֶערְנֶען אַבִּיסְל, אָבֶּער הַיינְט צוּ טָאגְס גֵייט עֶר כִּמְעַט נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶפְּנְט נִישְׁט קַיין אִידִישׁ סֵפֶר, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ הָאבּ אַלֶע יָארְן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיג שְׁטוּבּ, שׁוֹין פוּן אַלְס יוּנְגֶע מֵיידְל, אוּן אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי צוּ פַארְבֶּעסֶערְן מַיין שְׁלוֹם בַּיִת אוּן פַארְבֶּעסֶערְן מַיין שְׁטוּבּ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א כֹּחַ, גֶעזוּנְט אוּן סַיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא צוּ קֶענֶען וַוייטֶער הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.**

**וִויסְן זָאלְט אִיר, אַ פְרוֹי מִיט שֵׂכֶל קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם מַאן אוּן אִים**

טוּישְׁן מִן הַקָּצֶה עַל הַקָּצֶה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת", וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, "וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה", עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער. "אָמְרוּ, אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט. "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיר מַאן דֶער צַדִּיק זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְּרוֹי.

אַז אֵיינֶער הָאט אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ דַארְף מֶען יֶענֶעם זָאגְן, דָאס אִיז נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען; דֶער מַאן דַארְף זַיין אָפְּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ דַארְף זַיין אָפְּן מִיטְן מַאן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט אַ גֶערוּךְ וְכַדוֹמֶה - דַארְף מֶען רֶעדְן אוּן זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען; דִי וַוייבּ קֶען מִיט חָכְמָה מַאכְן אִיר מַאן זָאל הָאבְּן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל - קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל׳ן; מוּסָר אוּן קְרִיטִיק הֶעלְפְּט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער, אַ שְׁמֵייכְל פוּן דִי וַוייבּ אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן שַׁלְוָה בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַז אִיר וֶועט נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וֶועט אַייךְ זַיין גוּט**
**אַ גַאנְץ לֶעבְּן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ח שׁוֹבָבִי״ם, כ״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ׳, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן וואוּ אִיר נֶעמְט אַזַא שְׁטַארְקֵייט צוּ שְׁטֵיין קֶעגְן דִי שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן וִוי אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ.

אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר אַ גוּט קִינְד אוּן אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ זֵייעֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶער חָתָן, אִיר וֶועט הָאבְּן אֱמֶתְ׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט, עֶס וֶועט אַייךְ זַיין גוּט אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ מִיט אַ מַתָּנָה, אַ סֵפֶר תְּהִלִּים, מִיט אַייעֶר טַאטֶע שְׁלִיטָ״א. זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוּן וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְשְׁרַייבְּן דִי וִויפִילְטֶע מָאל דָאס אִיז, אַזוֹי וֶועט אִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): ״אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו״, קוּמְט אוֹיס, אַזוֹי וִוי דֶער חָתָן פִירְט זִיךְ - אַזוֹי פִירְט זִיךְ דִי כַּלָּה,

און אַזוֹי ווִי דִי כַּלָּה פִירְט זִיךְ - אַזוֹי דֶער חָתָן; אַז אִיר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן און נִישְׁט קוּקְן אִין קַיין נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן - וֶועט אַייעֶר חָתָן - אַייעֶר מַאן - אוֹיךְ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגֶעלֶעךְ, עֶר וֶועט נָאר קוּקְן אוֹיף אַייךְ, און נָאר טְרַאכְטְן פוּן אַייךְ; אִיךְ בִּין זִיכֶער אִיז דָאס ווִילְט אִיר.

זַייט שְׁטַארְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ.

...

## לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִדּוֹת, כִּיבּוּד אָב וָאֵם און יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ח שׁוֹבָבִי״ם, כ״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק ב׳, סִימָן ח׳): ״הֵ״א הַנַּעֲשָׂה מִכֶּסֶף מְסֻגָּל לִפְרִיָּה וּרְבִיָּה״, אַ ׳ה׳ פוּן זִילְבֶּער אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער; זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָּנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְווֹת.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט; לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִדּוֹת, כִּיבּוּד אָב וָאֵם און יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## ווִי מֶער תְּהִלִּים אַ פְרוֹי זָאגְט, וֶועלְן דִי קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ זַיין עֶרְלִיךְ און אָפְּגֶעהִיטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זֶעט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער און גֶעבֶּעטְן; אַזוֹי וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין אַייעֶרֶע תְּפִילּוֹת זֵייעֶר הוֹיךְ און דִי מַלְאָכִים וֶועלְן מַאכְן דֶערְפוּן שֵׁיינֶע בַּאצִירְטֶע קְרוֹינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווִי מֶער תְּהִלִּים אַ פְרוֹי זָאגְט - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה, אוּן בַּיים לֵייגְן דִי פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ פַּרְנָסָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, נַתְּנֶי׳

שְׁטַארְק זִיךְ בְּמִדַּת הַשִּׂמְחָה, דָאס אִיז מְסוּגָל לַפַּרְנָסָה. מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים, דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים טז, טו): ״וְהָיִיתָ׳ אַךְ׳ שָׂמֵחַ׳״ אִיז דֶער שֵׁם ״חַתְּ״ךְ״, דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ פַּרְנָסָה.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה. פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נָאר אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען פַּרְנָסָה.

דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג דִי תְּפִלָּה:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אִיךְ זָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען שְׁפַּייזְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין מִיר, אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס; בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל; אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט זַיין עֶרְלִיךְ. אִיךְ ווִיל אַלְץ זַיין גוּט, נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ מִיר כְּסֵדֶר אוּן וַוארְפְט

מִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, פַארְגֶעבּ מִיר מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן גֶעבּ מִיר שֶׁפַע״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן גֵייט אָן מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז אַלֶעס; אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן אַז נִישְׁט - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

אַז עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ גֵיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת וְכוּ׳ מַאכְט מֶען דִי חֲפִיפָה פְרַייטָאג אוּן מֶען מֶעג עֶסְן שַׁבָּת פְלֵייש, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶעס פוּן עֹנֶג שַׁבָּת וָואס בְּלַייבְּט שְׁטֶעקְן צְווִישְׁן דִי צֵיינֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת, נָאר מוֹצָאֵי שַׁבָּת דַארְף מֶען מַאכְן זִיכֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חֲצִיצָה צְווִישְׁן דִי צֵיינֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ תְּפִלָּה פַאר שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מַיין מַאן,

אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן און חַס וְשָׁלוֹם אִים אַוֶועק מַאכְן און צֶעבְּרֶעכְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן אִים, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים און זֶען דָאס גוּטְס אִין אִים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל נָאר אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת. נָאר מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען לֶעבְן בְּשָׁלוֹם, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ שְׁטֶערְט נִישְׁט און עֶס בַּאדֶערְט גָארְנִישְׁט, און אוֹיבּ מֶען אִיז בְּעַצְבוּת - וֶוערְט פוּן יֶעדֶע רִיר אַ קְרִיגֶעריַי; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר טַאטֶע זִיסֶער, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט און פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ און אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, און בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען און שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס און עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, און זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

יֶעדֶע קִינְד זָאל שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה-זָכוֹר, י' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אִין בֵּית פֵּיגָא.

זֶעט אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, גֶעבְּט זֵיי אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, יֶעדֶע קִינְד זָאל שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען גוּט, און אַז 'דִי טִיטְשֶׁער הָאט מִיךְ לִיבּ', און 'מִיר גֵייעֶן גֵיין אִין גַן עֵדֶן, נִישְׁט אִין גֵיהִנוֹם'.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת.

...

## עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב.

אִיךְ הֶער צוּרִיק גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, וִוי צוּפְרִידְן זֵיי זֶענֶען פוּן דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר כַּמָּה מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְט, זֵיי הַאלְטְן מִיט וִוי דוּ וַוארְטְסְט אָפּ דִי קִינְדֶער, דוּ שְׁטֵייסְט בַּיים טִיר אוּן בַּאגְרוּסְט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד בַּיים נָאמֶען מִיט אַ הוֹיכֶע פְרֵיילִיכֶע: ״גוּט מָארְגְן!״ עֶטְלִיכֶע הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס טוּישְׁט אוֹיךְ זֵייעֶר מָא״ד, עֶס מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי קִינְדֶער וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט מִיר שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דִי אֵיינֶע זַאךְ, עֶר הָאט מִיר אַלְץ גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער: ״זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים״, וַוייל ווּאוּ עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה אִיז דָא קְדוּשָּׁה.

יְהִי חֶלְקִי עִמָּכֶם.

...

## פַארְגִינְט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי תַּלְמִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה-זָכוֹר, י׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר יֶעדֶע גוּט וָוארְט וָואס אִיר פַארְגִינְט פַאר דִי תַּלְמִידוֹת.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט קוּמְט הֵיילִיגֶע טֶעג, מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה פֶּרֶק א', הֲלָכָה ד) : "כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד נוֹתְנִים לוֹ", וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעבֶּעט - גֶעבְּט מֶען אִים.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין אוּמַאן זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי צַדִּיקִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע צֵיין וֵוייטָאג, אֵיינֶער פְּלֶעגְט גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֵויינֶען אַז זַיין צֵיין טוּט אִים וֵויי אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צֵיין דָאקְטֶער אוּן דִי וֵוייטָאג אִיז אִים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בֶּעט מַיין צֵיין זָאל מִיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן - קֶען אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זַיין נָאנְט צוּ אִים אוּן אִים דִינֶען".

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, אִיר קֶענְט נֶעמֶען וִויטַאמִינֶען אוּן אִיר זָאלְט גֵיין צוּ וְכוּ', עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן טָאג פּוּרִים. דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד) דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז אַן הֲכָנָה צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח וְכוּ', וַוייל "בַּתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, וְעַל כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. וְעַכְשָׁו... (וְלֹא סִיֵּם)" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט. זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הָרֵיחַ וְהוֹדָאָה ד, אוֹת כה): "וְעַכְשָׁיו כָּל הַהַתְחָלוֹת הוּא מִפּוּרִים", יֶעצְט אִיז אַלֶעס אָנְגֶעוָואנְדְן אִין פּוּרִים; וַוייל אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט - אִיז פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דָאס אִיז עֲמָלֵק. דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק אִיז מַאכְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת יז, ז - ח): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן", אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא אָדֶער נִישְׁט, "וַיָּבֹא עֲמָלֵק", נָאר דוּרְךְ דֶעם לַיידְט מֶען אַלֶע צָרוֹת, אוּן פּוּרִים וֶוען מֶען מֶעקְט אוֹיס עֲמָלֵק, מֶען עֶנְדִיגְט מִיט אַלֶע סְפֵיקוֹת, מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אַז 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן' - אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, פוּן דַיין פְּלַאץ - פְּשׁוּט'עֶ דִיבּוּרִים. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן.

בַּיי אוּנְז פַאסְטְן נִישְׁט דִי פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ תַּעֲנִית אֶסְתֵּר.

...

## אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל מֶען גְרֵייט זִיךְ אוּן וִויפִיל מֶען בֶּענְקְט צוּ דִי מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה. צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועןְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קְרִיאַת מְגִילָה, אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין דָא זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן לַיידְן וָואס מֶען לַיידְט - אַבִּי צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה.

וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה עֶפֶּענֶען זִיךְ אוֹיף דִי הִימְלֶען, דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט דִי הֲכָנָה, וְויפִּיל מֶען גְרֵייט זִיךְ אוּן וְויפִּיל מֶען בֶּענְקְט צוּ דִי מִצְוָה; דָאס בֶּענְקֶען אוּן בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען פוּן דִי קְדוּשָׁה פוּן מָרְדְכַי הַצַדִיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה"; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

מֶען קוּמְט אִין שׁוּל צוּ מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער אוּן מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶׁקֶל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת צְדָקָה חֵלֶק ב', סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ גֶעבְּן שְׁקָלִים וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. מֶען גֶעבְּט פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; פַאר זִיךְ, פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער - דְרֵיי הַאלְבֶּע דָאלֶער, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל נָאר מַאכְן פֵּירוּדִים צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.

...

**דוּ, דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה (אֶסְתֵּר ו, יג): "כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו", זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִילָה טז.): "אֻמָּה זוּ מְשׁוּלָה לֶעָפָר וּמְשׁוּלָה לַכּוֹכָבִים, כְּשֶׁהֵן יוֹרְדִין יוֹרְדִין עַד עָפָר, וּכְשֶׁהֵן עוֹלִין עוֹלִין עַד לַכּוֹכָבִים", אַ אִיד אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ בִּיזְן טִיפְסְטְן אָפְּגְרוּנְד - קֶען עֶר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אָנְקוּמֶען בִּיז דִי הֶעכְסְטֶע הֵיילִיגְקֵייט. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, קכט:): "בְּשַׁעְתָּא חֲדָא, בְּיוֹמָא חֲדָא, בְּרִגְעָא חֲדָא",

אִין אֵיין מִינוּט, אִין אֵיין טָאג אוּן אִין אֵיין רֶגַע - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס צַדִיקִים הָארֶעוֶועֶן אָפּ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער אוּן הֵיילִיגֶער פוּן יוֹם כִּפּוּרִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע טָאג דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם שָׁלוֹם; מֶען מַאכְט שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב אוּן מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן מִיט דִי וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן זַיין אַ צַדִיק אִין פֶּעלְץ.

וּבְכֵן זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, זַיי זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאז שׁוֹין אָפּ שִׂנְאָה מִיט נִצָּחוֹן; אַנְשְׁטָאט אוֹיסְפִירְן אַז דַיין מִשְׁפָּחָה זָאל זִיךְ טוֹישְׁן - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס טוֹישְׁן; דוּ וֶועסְט שׁוֹין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, הוֹיבּ אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, וְויל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן רְצוֹן הַשֵׁם.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג אַז דוּ, דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת - זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ פַּארְ'מִיאוּסְ'ן פוּן דִי גוֹיִם; אוֹי וְוי שֵׁיין אוּן וְוי זִיס אִיז צוּ גֵיין אִין דִי אִידִישֶׁע וֶועג, אוּן אוֹי וְוי בִּיטֶער אוּן וְוי זוֹיעֶר אִיז דִי גוֹי'אִישֶׁע וֶועג; פּוּרִים קֶען מֶען דָאס פּוֹעֶל'ן.

אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין, אִיךְ גֵיי שׁוֹין דַאוֶוענֶען אוּן לֵיינֶען דִי מְגִילָה.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.

...

## נִישְׁטָא מֶער קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיךְ שִׁיק עֶנְק מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַארְן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

אִיךְ שִׁיק עֶנְק אַ לָאקְשְׁן קוּגְל. לָאקְשְׁן אִיז דִי וֶוערְטֶער: "לֹא-קָשֶׁן", נִישְׁטָא מֶער קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ אִיד דַארְף שְׁטְרֶעבְּן צוּצוּקוּמֶען; זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְויסְן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט שְׁטַארְק אוּן זַייט מַמְשִׁיךְ מִיר צוּ הֶעלְפְן מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן מִיט נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אַלֶעס גוּטְס.

...

### גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַאַרְץ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי קִינְדֶער.

הַיינְט פּוּרִים קֶען מֶען זַיין מֶער אָפְן פוּן אַ גַאנְץ יָאר, הַיינְט וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד פוּנֶעם שְׁטֶעטְל, וָואס אִיךְ וִויל מִיטְן שְׁטֶעטְל. אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶער נָאר דִי אֵיין זַאךְ, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן מִיט אַ גֶעפִיל, אַ לִיבְּשַׁאפְט – צוּ אִידִישְׁקֵייט. אוֹיב קֶען אִיךְ דָאס הָאבְּן הָאט מִיר אַלֶעס גֶעלוֹינְט, אוּן אַז נִישְׁט – דַארְפְן מִיר אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ דָאס צוּ טוּן.

אוֹיף דֶעם שִׁיק אִיךְ דִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, וַוייל דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי. דוּ פִילֶעוֶועסְט אָן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים, קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה אוּן גוּטֶע מִידוֹת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֵל׳ן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען אוֹיף אַזַא הוֹיכֶע דַּרְגָּא – לִיב הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן זִיךְ פַארְ׳מִיאוּסְ׳ן, פַארְעֶקְלֶען – פוּן עֲבֵירוֹת. דָאס אִיז פְּשַׁט (מְגִילָּה ז:): ״עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְכַי״, מֶען וִויל נָאר זַיין מִיט מָרְדְכַי הַצַּדִיק.

נֶעם דִי חֵדֶר, דָאס זָאל זַיין דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, הֶעכֶער אַלֶע עֲבוֹדוֹת. זַיי מְחַזֵק דִי טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס, וַוייל בַּאלְד וֶועלְן מִיר לִיגְן אִין פֶעלְד בַּיים עֶק, אוּן נָאר דָאס וֶועט אוּנְז בַּאשִׁיצְן.

...

## אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַארְן זַיין אַזַא גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵד פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, פַארְן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן סַיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## אַזוֹיפִיל תְּמִימוּת וְיִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דֶער מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, פַארְן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען עִבְרִי אוּן זֵיי אָנְפִילְן מִיט אַזוֹיפִיל תְּמִימוּת וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ הָאף אַז מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ וֶועלְן אוֹיךְ לֶערְנֶען בַּיי דִיר, זִיךְ אָנְזַאפְּן מִיט אַזוֹיפִיל קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה.

...

### אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים און דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מְלַמֵד פוּן מַיינֶע צְוֵויי טֵייעֶרֶע קִינְדֶער ... און ...

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע צַדִיקִים דִי אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים און דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ און סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא און אַלֶעס גוּטְס.

...

### מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי גְרוֹיס און וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין אַ מָרְדְכַי הַצַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם אָן דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר פוּן גְרוֹיס דַאנְקְבַּארְקֵייט פַארְן זַיין דִי מְלַמֵד פוּן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער. פַארְן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, נֶעגְל וַואסֶער, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ״ל, קִישְׁן דִי מְזוּזָה, שְׁמִירַת עֵינַיִם, תְּפִלָּה בְּכֹחַ וּבְכַוָּנָה, שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת, לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, זִיךְ עֶקְלֶען פוּן גוֹיִם וְכוּ׳ וְכוּ׳.

פּוּרִים אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, מֶען קֶען פּוֹעֶל׳ן זוֹכֶה זַיין צוּ (מְגִילָה ז:): "עַד דְלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן", מֶען זָאל זִיךְ אַזוֹי עֶקְלֶען פוּן הָמָן, "לְבָרוּךְ מָרְדְכַי", און צוּקוּמֶען צוּ וִויסְן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי גְרוֹיס און וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין אַ מָרְדְכַי הַצַדִיק.

...

### "דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה", עֶס שַׁיינְט אוּן לַייכְט אוֹיף אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער

**- וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ -**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

דֶעם סֵפֶר גֶעבּ אִיךְ דִיר אַ מַתָּנָה פַארְן הָאבְּן דִי זְכוּת צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר.

דֶער סֵפֶר מַאכְט לִיכְטִיג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, כִּשְׁמוֹ כֵּן הוּא: "דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה", עֶס שַׁיינְט אוּן לַייכְט אוֹיף אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן שֶׁפַע אוּן קֶענֶען וַוייטֶער הֶעלְפְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי וֶועלְט.

...

### דָאס וֶועט אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מְנַהֵל פוּן מַיינֶע קִינְדֶער**

אִיךְ שִׁיק דִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פוּן מַיין הָארְץ. אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעבְּן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, פַאר זֵייעֶר חִינוּךְ.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר לִיגְן אִין פֶעלְד אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאס אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, דֶעמָאלְט וֶועט אַפִּיר קוּמֶען דִי תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן דִי תַּלְמִידִים.

...

**אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי קְהִילָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ..., אוּנְזֶער דַיָּן שְׁלִיטָ״א**

זַיי מְקַבֵּל דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר פוּן דִי טִיפֶּענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי קְהִילָה.

...

**שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט אוּן אַיינְגֶענֶעמְקֵייט פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיטְן דְרוּקְן דִי בְּרִיוו אוּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס אִיז מְחַזֵּק אַזוֹיפִיל אִידְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ בְּרָכָה דוּ זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט אוּן אַיינְגֶענֶעמְקֵייט פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, אָמֵן.

...

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער קְהִלָּה אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער קְהִלָּה אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**עֶס מַאכְט לִיכְטִיג אוּן שַׁיינְט בַּיי טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ד אֲדָר, פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

קוּקְט דִי שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר הָאט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, דִי בְּרִיוו וָואס אִיר זֶענְט מְתַרְגֵּם אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה; וָואס מַאכְט לִיכְטִיג אוּן עֶס שַׁיינְט בַּיי טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

**בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן מִיט מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר אַ גַאנְץ יָאר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר, שׁוּשַׁן פּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג פּוּרִים, מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע מִצְוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן מִיט מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר אַ גַאנְץ יָאר, מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אֱמוּנָה, דִי קְדוּשָּׁה.

הַיינְט שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים. רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף פּוּרִים אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִין צַייט, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף שׁוּשַׁן פּוּרִים. עֶר אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף פּוּרִים. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים״.

מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה נָאכְמִיטָאג, מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאמִיר אַנְטְלוֹיפְן פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּן פוּן הָמָן, אוּן לוֹיפְן צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִילָּה יג:): ״אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְטוֹבֶלֶת, וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי״, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז בְּחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ - זָאל עֶר טוּן וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן לוֹיפְן צוּם צַדִּיק, צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס שׁוּיס; פּוּרִים עֶפְנְט זִיךְ דִי אוֹיעֶרְן, עֶס שְׁטָאפְּט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, מֶען

דֶערְהֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס גֶעשְׁרֵיי: "גְיוַואלְד קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען".

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף נִישְׁט פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, הֶערְן נָאכְאַמָאל דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער, דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן יֶעצְט פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ.

אִיךְ וֵוייס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דוּ זֶעסְט נִישְׁט פוּן וואוּ דַיין יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף נִישְׁט פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט מִיט אָרֶעמֶעלַייט, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי אִידְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אַז נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח; הָאט עֶר זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס אִיז דָאס פֶּסַח, הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט וִוי שֵׁיין דֶער יוֹם טוֹב אִיז. מֶען פְּרַאוֶועט אַ סֵדֶר אוּן אַלֶע אִידְן - אֲפִילוּ אָרֶעמֶעלַייט - עֶסְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע רַייכֶע סְעוּדָה; מֶען זִיצְט בַּיים טִישׁ וִוי קֶענִיגְן, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דִי אָרֶעמֶעלַייט הָאבְן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ פַאסְטְן אַפָּאר טֶעג פַאר יוֹם טוֹב כְּדֵי מֶען זָאל זַיין גוּט הוּנְגֶערִיג צוּם סֵדֶר. דֶער גוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ מוּז דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן; אִיךְ וֶועל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי אַ אִיד אַז אִיךְ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן הָאבְּן אַ גוּטֶע סְעוּדָה'.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ דֶער גוֹי אַיינְגֶעלַיידְנְט בַּיי אַ אִיד צוּ זַיין בַּיי אִים בַּיים סֵדֶר, עֶנְדְלִיךְ הוֹיבְּט מֶען שׁוֹין אָן דִי סֵדֶר, עֶר זִיצְט בַּיים סֵדֶר אוּן עֶר

וַוארְט צוּ עֶסְן דִי שֵׁיינֶע סְעוּדָה. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מָרוֹר אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן זַיין הוּנְגֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים דָא זִיכֶער אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, וַוייל עֶר וַוארְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דִי סְעוּדָה אוּן מֶען דְרֵיידְט אַרוּם מִיט אִים; הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אַנְטְלָאפְן.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיינֶע חֲבֵרִים הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט אוֹיסְהוּנְגֶערְן בִּיז מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שַׁארְפֶע עֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט אַנְטְלָאפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, וֶוען דוּ וַוארְטְסְט וֶוען אוֹיס נָאךְ אַבִּיסְל וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע סְעוּדָה".

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְזָאגְן וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ זָאג פַאר יְחִידִים, אַז דָאס דַארְפְן אַלֶע טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ שְׁמוּעֶסְן דִי זַאכְן צְוִוישְׁן פְרוֹיעֶן וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְזָאגְן וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ זָאג פַאר יְחִידִים צוּ טוּן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס דַארְפְן אַלֶע טוּן; אַז דִי פְרוֹי וִויל דָאס טוּן קֶען זִי דָאס טוּן, אוּן אַז דֶער מַאן וִויל זָאל זִי דָאס טוּן, אָבֶּער אוֹיבּ דִי הָאר שְׁטֶערְט נִישְׁט פַאר דִי מַאן אוּן וַוייבּ דַארְף מֶען דָאס נִישְׁט טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶונֶען דִי דְרֵייא תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן וֶועט זִיךְ אַלֶעס בַּיי דִיר טוּישְׁן צוּם גוּטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵייא תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן וֶועט זִיךְ אַלֶעס בַּיי דִיר טוּישְׁן צוּם גוּטְן. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, טְרַאכְט: 'אִיךְ קוּם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם', אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַן אוֹיסְגֶעקְלַאפְּטֶער בָּחוּר דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דוּ ווִילְסְט קוּמֶען קַיין אַמֶעריקֶע; קוּם נִישְׁט קַיין אַמֶעריקֶע, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אִין אַמֶעריקֶע, בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַן אוֹיסְגֶעקְלַאפְּטֶער, וִוי אַלֶע קוּקְן אוֹיף דִיר וִוי אַ דוּרְכְפַאל - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִי פְּלַאץ, דָאס אִיז אִין קָאפּ; אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶונֶען דִי דְרֵייא תְּפִילּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה - וֶועט דִיר גָאר וֵוייניג אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע מִצְוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן דִי מִצְוָה (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה פֶּרֶק א', הֲלָכָה א'): "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת"; דָאס זָאלְט אִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת אַייעֶר כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאלְט אִיר טְרֶעפְן וָואס גִיכֶער אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת לְשֵׁם וּלְתוֹרָתוֹ.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַאר קִינְדֶער

## מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע

קִינְדֶער יֶעצְט זֶענְט עֶטְץ דִי קִינְדֶער, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר זַיין דִי עֶלְטֶערְן. וִויל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיר וֶועט זִיךְ לֶערְנֶען דֶערְפוּן אַז וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן – אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט עֶנְק.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְן טַאטְן אַן אָרֶעמַאן, דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן אִין גַאס מִיט אַנְדֶערֶע אָרֶעמֶעלַייט.

וַיְהִי הַיוֹם, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע טָאג, וֶוען דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אִיז גֶעזִיצְן אִין גַאס פְרִירְנְדִיג פַאר קֶעלְט, אִיז דָארְט אַרִיבֶּער

זַיין אֵיינִיקְל – אַ זוּן פוּן דֶעם גְבִיר, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיינִיקְל: ״אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְן אוּן מִיר שִׁיקְן אַ וַוארֶעמֶע מַלְבּוּשׁ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר קֶעלְט דָא אִין גַאס״. דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן: ״טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיידִי; זֵיידִי בֶּעט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד״, הָאט דֶער גְבִיר




עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין צוּ זַיין טַאטֶע

גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בּוֹידֶעם, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַן אַלְטֶע קְלֵייד וָואס אִיךְ דַארְף סֵיי ווי נִישְׁט, דָאס קֶענְסְטוּ טְרָאגְן פַארְן זֵיידְן".

דֶער זוּן אִיז אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם אוּן גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטֶע קְלֵייד, פוּל מִיט רִיסְן אוּן גְרוֹיסֶע לֶעכֶער, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שֶׁערְל, אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט דֶעם קְלֵייד אוּן דָאס צֶעשְׁנִיטְן אִין הַאלְבּ. וֶוען זַיין טַאטֶע - דֶער גְבִיר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער זוּן קוּמְט נָאכְנִישְׁט אַרָאפּ, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹידֶעם: "וָואס טוּסְטוּ אַזוֹי לַאנְג אִין בּוֹידֶעם? גֵיי שׁוֹין מִיט דֶעם קְלֵייד צוּ מַיין טַאטֶע!" דֶער זוּן הָאט זִיךְ אָבֶער וַוייטֶער פַארְזוֹימְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁנַיידְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אֵיין שְׁטִיקְל קְלֵייד, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ צֶעשְׁנִיטְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: "אֵיין שְׁטִיקְל לֵייג אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען

ווינְטֶער אוּן דוּ װֶועסְט זַיין קַאלְט - װֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם קְלֵייד״.

הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶערוּפְן זַיין אַלְטְן טַאטְן, עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּב אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן װֶוען מִיר װֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן װֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאצָאלְן מִיט נַחַת, מִיר װֶועלְן אוֹיךְ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס װֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְז.

לָאמִיר זִינְגֶען: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גוּטֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע״.



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com